## פרשת מטות - מסעי כ"ה תמוז – ב' אב תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת מטות - מסעי***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל האירוסין של בת הר"ר **שרגא צבי** (כ"ר בנציון שלום) **שפיץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אנשיל איצקאוויטש** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת מטות - מסעי***

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה במאנסי (כיתה של הרב יחזקאל ווייס שליט"א), להבחן אצל **רבינו שליט"א** על רוב מסכת קידושין שלמדו במשך שנה זו.

*

***יום חמישי פרשת מטות - מסעי***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למחנה אור ישראל, והשמיע דברי מוסר התעוררות לתלמידי הישיבה (אחר שנפל ספר תורה ל"ע בהיכל הישיבה).

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ברשות** הגה"צ דער ראש ישיבה זאל זיין געזונט, די חשובע בחורים וואס זיצן און לערנען. פותחין בכבוד אכסניא, ווען מען הייבט אן, דארף מען רעדן פון דעם כבוד פון די אכסניא. ב"ה אזא שיינע אכסניא של מלך, בחורים זענען זיך מייגע צו לערנען תורה פון צופרי ביז ביינאכט, יעדע פרייע מינוט ווערט אויסגענוצט אויף תורה און עבודת ה'. אשרי חלקיכם, ווי גליקלעך איז מען, אז די יארן וואס מען האט, זיצט מען אין ישיבה און מען לערנט. די שענסטע זמנים פונעם לעבן, זענען די יעצטיגע יארן. וואס מען טוט יעצט קונה זיין, דאס בלייבט אויף דעם גאנצן לעבן שפעטער. - די גמרא (ברכות לב:) זאגט, ארבעה צריכים חיזוק, תורה דארף האבן חיזוק. איך בין נישט געקומען זאגן קיין מוסר, נישט געקומען מעורר זיין. אדרבה, געקומען מחזק זיין די וואס זיצן און לערנען, זיי זאלן וויסן די געוואלדיגע חשיבות פון זייער תורה.

**מען** שטייט אין די טעג וואס יודען זענען מתאבל אויפן חורבן בית המקדש. עס האט פאסירט א מכשול מיט א ספר תורה, וואס דאס איז אויך מעורר אויף ענינים וואס א יוד דארף מתקן זיין. יעדער ווייסט וואס דער נביא (ירמיה ט-יא) זאגט, אז מען האט געפרעגט די נביאים און די חכמים, מי האיש החכם ויבן את זאת, ווער איז דער חכם וואס פארשטייט עס, און קען עס מסביר זיין, על מה אבדה הארץ, פארוואס עס איז געקומען דער חורבן. און קיינער האט נישט געוויסט צו ענטפערן, ביז דער אייבערשטער אליין האט געענטפערט, ויאמר ה' על עזבם את תורתי, אויף דעם וואס מען האט פארלאזט די תורה, איז געקומען דער חורבן.

**די** מפרשים פרעגן, די גמרא רעכנט אויס אזויפיל זאכן וואס עס איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין ביים חורבן בית המקדש, איין דיעה איז דא אין די גמרא, אז עס איז חרוב געווארן וועגן חילול שבת. ביים בית ראשון איז געווען עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים. ביים בית שני איז געווען שנאת חנם, און עס איז געווען העמידו דבריהם על דין תורה, און נאך כמה עבירות וואס עס איז אויסגערעכנט. פארוואס האט קיינער נישט געוויסט צו פארענטפערן על מה אבדה הארץ, אויף וואס עס איז געקומען דער חורבן הבית.

**איך** האב געטראכט, אז די נקודה דערפון קען זיין. יעדער איינער האט געזעהן אז עס איז נישט אין ארדענונג. עס איז געפאלן שטיקער פונעם כלל ישראל פארן חורבן בית המקדש. עס איז נישט געווען קיין שבת, עס איז נישט געווען קיין עבודת ה', עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים, מען רעדט דאך פון די הארבסטע עבירות. יעדער האט געוויסט אז עס איז זיך צוזאמגעקומען דא אזויפיל עונות, אז מען פארשטייט אז עס איז געקומען א חורבן בית המקדש. מען האט אבער נישט געוואוסט, וועלכע נקודה האט מען נישט גוט געטון, וואס דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן. עס איז

נישט, אז עס זאמלט זיך צוזאם אזויפיל עבירות, און עס ווערט א חורבן. עס מוז זיין איין געוויסע נקודה, פון די אלע פראבלעמען וואס מען האט, וואס דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן בית המקדש. און דאס האט מען געפרעגט, על מה אבדה הארץ. עס איז טאקע נישט גוט, דער מצב איז נישט גוט, אבער 'על מה', וואס איז געווען די נקודה, וואס דאס האט צוגעברענגט צו אבדה הארץ. וואס איז געווען די לעצטע שטרוי, ווי מען זאגט, וואס האט געבראכן דעם מצב, און עס איז צוגעקומען דער חורבן פון בית המקדש? - און מען האט נישט געוויסט צו ענטפערן דערויף. מען איז דאך נישט אין הימל, צו וויסן פונקטליך קלאר, וואס עס פעלט, און וואס מען דארף מתקן זיין.

**האט** דער אייבערשטער געענטפערט דערויף, על עזבם את תורתי. און ווי דער לשון פון מדרש (איכה רבה פתיחתא א) איז, על מאסה של תורה, מען האט ממאס געווען אין תורה. און דער מיאוס פון תורה, האט געברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. דער מדרש זאגט, וויתר הקב"ה על עבודה זרה גילוי עריות ושפיכות דמים, דער אייבערשטער האט מוותר געווען אויף די הארבסטע עבירות, מען וואלט זיך געקענט אדורכשטופן מיט די עבירות וואס מען האט געטון, און עס וואלט נישט צוגעקומען צו קיין חורבן פון בית המקדש. אבער לא וויתר על מאסה של תורה, דער אייבערשטער האט נישט מוותר געווען, אויף וואס מען האט ממאס געווען אין די תורה. ער זאגט נישט אז מען האט נישט געלערנט תורה, ער זאגט נישט מען איז געגאנגען ליידיג, נאר מאסה של תורה.

**עס איז דא אמאל וואס מען זיצט אין בית המדרש און מען לערנט, מען האט א תענוג, מען פריידט זיך, אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו, ווי גליקליך זענען מיר אז מען לערנט, און מען נוצט אויס די צייט פאר עבודת ה'. מען כאפט אריין נאך א מסכת און נאך א מסכת. און מען לערנט מיט א פרייליכקייט, מיט א שמחה, מיט א פארגעניגען. אבער אמאל איז דא, וואס עס איז א עול, מען האט נישט קיין ברירה, מען מוז לערנען, מען קען זיך נישט דרייען אויף די גאסן, עס איז דא סדרים וואס ער דארף זיך צושטעלן דערצו, אבער ער איז נישט דערביי. אינעווייניג אין הארץ טראכט ער, הלוואי וואלט איך געקענט זיין אינדרויסן, הלוואי וואלט איך געקענט טון וואס אנדערע טוען. איך מוז נעבעך זיין אין ישיבה, ווייל איך מוז א שידוך טון שפעטער. איך קען זיך נישט דרייען אויף דער גאס, מיין טאטע און מאמע ווילן נישט צולאזן אז איך זאל גיין ערגעץ אנדערש. דאס אז מען זיצט אין בית המדרש און מען לערנט, און מען איז עס ממאס, מען שפירט נישט די שמחת החיים וואס א יוד דארף האבן אין תורה, האט דער אייבערשטער געזאגט, די נקודה ברענגט צו, צו דעם חורבן.** און אויף דעם איז אבדה הארץ, איז פארלוירען געגאנגען ארץ ישראל.

**די** גמרא (בבא מציעא פה:) איז מסביר, על מה אבדה הארץ, על שלא ברכו בתורה תחילה, מען האט נישט געזאגט קיין ברכת התורה. אויף יעדע מצוה זאגט מען א ברכה פאר דעם, יעדען צופרי ווען מען שטייט אויף, זאגט מען ברכת התורה. שלא ברכו בתורה תחילה, מען האט נישט געזאגט קיין ברכת התורה. מען דינגט זיך טאקע, צו ברכת התורה איז א דאורייתא אדער א דרבנן. אבער אפילו עס איז א דאורייתא, איז עס נאך נישט די גרעסטע עבירה, אז מען האט נישט געזאגט קיין ברכת התורה. פארוואס האט דאס צוגעברענגט דעם חורבן פון בית המקדש? עס איז משמע, אז מען האט געלערנט תורה, אבער ברכת התורה האט מען נישט געזאגט.

**ווען** מען גיט פאר איינעם א מתנה, און מען וויל שאצן די מתנה וואס ער האט יענעם געגעבן, קוקט מען ווי אזוי יענער נעמט עס אויף. אויב יענער מאכט זיך נישט וויסענדיג פון וואס מען האט אים געגעבן, איז א סימן אז עס איז ביי אים גארנישט ווערט. מען האט אים געגעבן א פעני, עס אינטערעסירט אים נישט, יא געגעבן נישט געגעבן, עס האט נישט ביי אים קיין חשיבות. אז ער באקומט א גרעסערע מתנה, גיט מען א שמייכל מיטן פנים, מען פריידט זיך, און מען באדאנקט דערויף. באקומט ער גאר א גרויסע

מתנה, טאנצט ער פאר שמחה, און ער באדאנקט פאר דעם וואס האט אים געגעבן די שיינע מתנה. ווען א יוד וואלט משיג געווען וואס פארא מתנה מיר האבן באקומען פונעם אייבערשטן, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, וואלט מען געטאנצט ווען מען זאגט ברכת התורה צופרי! מען וואלט עס גוזאגט מיט א חשק! מען וואלט געבעטן והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו, ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו, איך ווינטש פאר מיר און מיינע קינדער און אייניקלעך אז זיי זאלן זיין יודעי שמך ולומדי תורתיך לשמה. מען וואלט געזאגט די ברכת התורה מיט א אנדערע חיות, און א אנדערע חשק. - שלא ברכו בתורה תחלה, עס איז אינגאנצען נישט געווען קיין ברכת התורה. מען דארף נאך דאנקען דערויף? פריי זיך אז איך קום אין בית המדרש לערנען. איך זאל נאך געבן א שבח והודאה אויף דערויף, דאס האט געפעלט. און וויתר הקב"ה אפילו אויף די הארבסטע עבירות, אבער ער האט נישט מוותר געווען על מאסה של תורה, אויף וואס עס פעלט אונז דער חשק צום לערנען, אויף וואס עס פעלט אונז די חשיבות התורה.

*

**דער** נביא (איכה ה-יד) זאגט, 'זקנים משער שבתו', ביים חורבן בית המקדש זענען די זקנים, די תלמידי חכמים וואס ווערן אנגערופן זקנים, אוועקגענומען געווארן פונעם שער. עס פלעגן צו זיצן שופטים ושוטרים בכל שעריך, און די זקנים זענען אוועקגענומען געווארן פונעם שער. 'בחורים מנגינתם', בחורים זענען אוועקגענומען געווארן פון זייער זינגען פון זייער פרייד, 'שבת משוש לבנו', אונזער פרייד איז צושטערט געווארן, 'נהפך לאבל מחולינו', אונזער שמחה איז נהפך געווארן פאר א אבל, 'נפלה עטרת ראשינו', עס איז געפאלן דער קרוין פון אונזער קאפ, 'אוי נא לנו כי חטאינו', ווי' איז פאר אונז אז מען האט געזינדיגט.

**די** גמרא (שבת לא.) זאגט, ווען מען לערנט די תורה אליין פאר זיך, איז מען נאך נישט צוגעקומען צו דעם ציל צו וואס מען דארף צוקומען. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא-י), **דער ראשית פון חכמה איז, יראת ה', מורא האבן פונעם אייבערשטן. מורא האבן פונעם אייבערשטן איז טייטש, מורא האבן צו טון אן עבירה. ווען עס קומט א נסיון פון א עבירה, האט ער א יראה פונעם אייבערשטן, איך גיי נישט טון א זאך וואס דער אייבערשטער האט פארבאטן אז מען טאר נישט טון.** און דער יראת ה', דאס איז ראשית פון חכמה, דאס איז דער אנהייב פון תורה. יעדע זאך ווענדט זיך דאך לויט די התחלה, די תורה האט נישט קיין חשיבות אן דעם. אזוי שטייט אין חז"ל (אבות ג-ט) כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו, חכמתו מתקיימת, וכל שאין יראת חטא קודמת לחכמתו, אין חכמתו מתקיימת.

**מען זעהט אין ישיבה, עס קענען זיצן פארשידענע בחורים און לערנען פלייסיג, און איינער איז אויסגעוואקסן שפעטער גרויס אין תורה, ער איז אויסגעוואקסן א מרביץ תורה, און דער אנדערער חבר, וואס האט געהאט אסאך א שטערקערן קאפ, און אסאך פלייסיגער געלערנט פון אים, עס האט זיך פארוואסערט שפעטער, און עס איז נישט אויסגעוואקסן פון אים דאס וואס מען האט געטראכט. אויב עס איז געווען יראת חטאו קודמת לחכמתו, מען לערנט תורה מיט א ערליכקייט, איך לערן כדאי צו וויסן וואס איך דארף צו טון, און וואס איך האב שוין געלערנט, און איך ווייס שוין וואס מען דארף צו טון, ריר איך זיך נישט אוועק פון דעם. עס איז יראת חטאו קודמת לחכמתו, חכמתו מתקיימת, די תורה האט א קיום.** אין יראת חטאו קודמת לחכמתו, אויב עס פעלט די יראת ה', פון איין זייט זיצט מען און מען לערנט, און פון די אנדערע זייט קען מען טון זאכן וואס מען דארף נישט, ער איז עובד ליוצרו וליצרו, אמאל פארן אייבערשטן און אמאל פארן יצר, דעמאלטס איז אין חכמתו מתקיימת, דאס האלט זיך נישט.

**די** גמרא (שבת לא.) גיט א משל דערויף, וואס מיינט א מענטש האט תורה און ער האט נישט קיין יראת שמים. זאגט די גמרא, אזוי ווי א מענטש וואס קומט אריין אין זיין שטוב. עס איז

דא א טיר פון פארענט, ווי מען קומט אריין, און די ערשטע טויער איז פארשפארט, מען דארף האבן א שליסל צו עפענען. ווען ער איז שוין אריינגעקומען אינעם שער, איז דא די איבריגע שטובער וואס האבן שלעסער, און מען דארף איבעראל האבן א שליסל צו עפענען. אויב ער האט די שליסעל פון אלע טירן, קומט ער אן וואו ער דארף אנצוקומען. ווען איינער האט די שליסלעך פון אינעווייניג, אבער עס פעלט אים די אויסענווייניגע שליסל, האט ער גארנישט אויפגעטון פון די אלע שליסלעך וואס ער האט פון אינעווייניג, ער קען נישט אריינגיין אינעווייניג, די טירן זענען פארמאכט. זאגט די גמרא, ווען א מענטש האט תורה, האט ער די אינעווייניגע שליסלעך, אבער 'יראת שמים', דאס איז די אויסענווייניגסטע שליסל. טאמער האט ער יראת שמים האט ער דעם שליסל פון אינדרויסן, און ער קען אריינקומען, און נאכדעם גיט ער זיך שוין א עצה, און ער קומט צו צו תורה. אבער אויב דו האסט נאר תורה אליין, דו האסט נאר די אינעווייניגסטע שליסל, ווען דו וואלסט שוין געווען אינעווייניג, וואלסטו זיך טאקע געקענט באנוצען דערמיט, אבער עס פעלט דיר די אויסענווייניגסטע שליסל. - יראת שמים דאס איז דער שער ארייצוקומען אין תורה, דאס איז דער יראת חטא וואס איז קודמת לחכמתו.

**ביים** חורבן פון בית המקדש, האט מען טאקע געלערנט תורה, אבער עס האט געפעלט די יראת שמים וואס דארף צו זיין ארום די תורה וואס מען לערנט. עס איז געווען מאסה של תורה, מען האט נישט געהאט די שליסל פונעם שער אריינצוגיין, מען האט נאר געהאט די אינעווייניגסטע שליסלעך. 'זקנים משער שבתו', די זקנים, די וואס זיצן און לערנען זיי ווערן אנגערופן זה קנה חכמה. 'משער שבתו' זיי זענען אוועקגענומען געווארן פונעם שער, זיי האבן נישט געהאט קיין וועג אריינצוגיין ביי דעם שער, זיי האבן נישט געהאט די שליסלעך פון יראת שמים, וועגן דעם איז צוגענומען געווארן 'בחורים מנגינותם'. אז מען האט נישט קיין יראת שמים, איז די תורה נישט קיין נגינה, די תורה איז נישט קיין פרייד, די תורה איז נישט קיין שמחה. ווען מען פריידט זיך אין תורה, דאס איז א סימן אויף די יראת שמים וואס מען האט. די בחורים זענען צוגענומען געווארן מנגינתם, נישט אז מען האט נישט געלערנט, נאר כדי מען זאל לערנען די תורה, דארף די תורה זיין א נעימה וזמרה, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (מגילה לב.), הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרה זאגט אויף אים דער פסוק, אז דאס איז חוקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם (יחזקאל כ-כה). 'בחורים מנגינתם', די בחורים זענען אוועקגענומען געווארן מנגינתם, פון די שמחה וואס מען דארף האבן ביים לערנען, ווייל עס איז געווען 'זקנים משער שבתו'. אויב עס פעלט דער שער, עס פעלט דער יראת שמים וואס איז קודמת לחכמתו, קען נישט זיין אז די תורה זאל זיין א תורה מיט שמחה. - 'שבת משוש לבינו', די שמחה וואס א יוד דארף האבן ביי תורה איז צוגענומען געווארן, 'נהפך לאבל מחולינו', די שמחה, די פרייד, די מוזיק וואס דארף צו זיין ביי תורה הק', איז צוגענומען געווארן פון אונז, ווייל עס האט געפעלט די יראת חטאו וואס דארף זיין קודמת לחכמתו.

**מען** רעדט דאך צווישן בחורים, וואס הכרת פניהם ענתה בהם, אז עס איז דא נישט נאר תורה, נאר אויך אמת'דיגע יראת שמים. **ווען מען קוקט אן א בחור, קען מען דערקענען אויף אים ווי אזוי ער זעהט אויס. מען ליגט אין תורה, און מען לערנט פלייסיג, אבער עס האט דאך נישט קיין שיעור. די נסיונות פון די גאס זענען היינט אזוי גרויס, אז אפילו א גאר ערליכער יוד דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא, ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, אז ער זאל נישט נכשל ווערן, און ער זאל נישט פאלן פון די טעכנעלאגיע, צו אלע אנדערע כלים וואס איז היינט דא, און פון די עצם גאס אליין. ווי גליקליך איז מען, אז מען קען זיצן אין א קעמפ די צוויי חדשים, אפגעזונדערט פון די וועלט. מען האט גארנישט, נאר דעם בית המדרש מיטן רבונו של עולם. דאס דארף זיין א געוואלדיגע שמחה, נאך א מינוט וואס איך קען זיצן אין בית המדרש, נאך א שעה וואס איך קען זיין דא אינדרויסן, און איך דארף נישט זיין אין די**

**שטאט**. דאס איז אלץ נאר, ווען עס איז דא יראת שמים. אויב עס איז נישט דא קיין יראת ה', ווארט ער ווען וועט שוין קומען די צייט, אז איך זאל שוין קענען אביסל ארויסגיין פון דא, איך זאל שוין קענען אהיימגיין אויף א שבת, איך זאל שוין קענען אביסל ארויסגיין פון דעם מקום, ווייל ער געפינט נישט זיין שמחה, זיין סיפוק, און זיין חיות, פון תורה. ווען א יוד שפירט א סיפוק און חיות, איז די שעה וואס ער לערנט תורה, דער זמן וואס ער געפינט זיך דא, וואלט ער נישט אוועקגעגעבן פאר כל הון דעלמא, מען זאל דארפן ארויסגיין דערפון. דאס דארף זיין די שמחת החיים ביי א יוד, לימוד התורה. די יראת חטא דארף זיין קודמת לחכמתו.

*

**עס** האט פאסירט א מכשול מיט א ספר תורה. מען זאגט יעדן טאג ביים דאווענען, אבל אנחנו עמך בני בריתך וגו', שמאהבתך שאהבת אותו, פון די אהבה וואס דער אייבערשטער האט צו יודען, ומשמחתך ששמחת בו, און פון די שמחה וואס דער אייבערשטער האט זיך געפריידט מיט יודען, קראת את שמו, האט דער אייבערשטער אונז אנגערופן, ישראל וישורן, יודען האבן צוויי נעמען, זיי ווערן אנגערופן ישראל, און זיי ווערן אנגערופן ישורן. וואס איז דער באדייט פון די צוויי נעמען, פארוואס הייסן יודען ישראל און ישורן?

**עס** שטייט פון די קדמונים (**מגלה עמוקות** אופן קפו), אז די תורה האט ששים ריבוא אותיות. לויט אונזער חשבון איז נישט דא מער ווי די העלפט דערין, אבער עס איז דא א מהלך ווי אזוי די תורה ווערט אויסגערעכנט, אז עס איז דא ששים ריבוא אותיות לתורה. די זעלבע איז אויך די מספר פון יודען. ווען מען איז אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האט מען געציילט יודען, און עס איז געווען ששים ריבוא נשמות. כלל ישראל באשטייט פון ששים ריבוא נשמות. אפילו עס איז דא מער פון ששים ריבוא יודען, באקומט יעדער איינער א ניצוץ פון א געוויסע נשמה, אבער בכלליות איז דא ששים ריבוא נשמות.

**יעדען** יוד האט דער אייבערשטער צוגעבינדען צו א אות אין די תורה. ששים ריבוא נשמות, און ששים ריבוא אותיות בתורה. און דאס איז א געוואלדיגע מעלה פאר א יוד, שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה, מיר לעבן נישט ווי בהמות. א בהמה עסט, טרינקט, שלאפט, שטארבט, אפגעדינט. א גוי לעבט אויך די זעלבע, עם הדומה לחמור, ער לעבט, ער עסט, ער טרינקט, ער שלאפט, ער מאכט געלט, ער ארבעט ווי א פערד, און שפעטער שטארבט ער. מיר זענען צוגעבינדען צו די תורה הק', אונזער שורש נשמה איז מקושר אין די תורה, יעדער יוד האט אין זיך א קשר צו א אות אין די תורה. ישראל איז די ראשי תיבות י'ש ש'שים ר'יבוא א'ותיות ל'תורה. ישורן איז די ראשי תיבות, י'ש ש'שים ר'יבוא נ'שמות. שמאהבתך שאהבת אותו, ומשמחתך ששמחת בו, קראת את שמו, האט דער אייבערשטער זיי גערופן, ישראל וישרן, עס איז דא ששים ריבוא אותיות לתורה, און עס איז דא ששים ריבוא נשמות, יעדער יוד איז צוגעבינדען צו אן אות אין די תורה.

**און** ער איז נישט נאר סתם צוגעבינדען צו א אות אין די תורה. נאר זיין גאנצער מהות אויף די וועלט, ווענדט זיך אין וואס פארא אות אין די תורה ער איז צוגעבינדן. מען זעהט עס זענען געווען ערליכע יודען וואס האבן געהאט א ליבשאפט צו א געוויסע מצוה, און זיי האבן געהאט מסירת נפש פאר די מצוה, און זיי האבן מהדר געווען די מצוה, די גאנצע חיות איז געווען אין די מצוה. די וועלט זאגט נאך אויפן הייליגער **ראפשיצער רב זי"ע**, אויסער זיין גרויסקייט, אז ער האט געהאט א ספעציעלע ענין אין די מצוה פון סוכה. אדער האט ער געלערנט מסכת סוכה, אדער האט ער גערעדט פון סוכה, אדער ער האט עפעס געטון פאר די סוכה, יעדן טאג האט ער געהאט עפעס צוגעבינדן צו די מצוה פון סוכה. האט מען געזאגט, אז די סיבה דערפון איז, ווייל זיין אות אין די תורה, איז א אות פון די מצוה סוכה. און אזוי ווי דער אות פון די תורה דאס איז זיין נפש, אזוי איז ביי אים די מצוה פון סוכה. אזוי ווי מען געפונט אין די גמרא (שבת קיח:), אביך במה הוה

זהיר טפי, ער האט געהאט צו דעם א ספעציעלע ליבשאפט. א אנדערער יוד גיט שטארק אכט אויף תפילין, איינער אויף ציצית, איינער אויף שבת, אלץ ווי זיין אות אין די תורה איז, צו די מצוה איז ער צוגעבינדן. - דאס איז אין רוחניות.

**אבער** אפילו אין גשמיות איז אויך די זעלבע זאך. יעדער מענטש האט זיך אנדערש אויסגעשטעלט זיין גשמיות אויף די וועלט. איינער איז א ארימאן, איינער איז א עושר, איינער האט גוטע מידות, איינער ווערט געבוירן מיט שווערע מדות, איינער האט א לעבן פון צער, און איינער האט א לעבן פון שמחה. נישט אז עס האט זיך פונקט אזוי געמאכט, ראובן איז אזוי און שמעון איז אזוי, נאר אלעס איז אויסגערעכנט פון אויבן. ווען מען איז אראפגעקומען אויף די וועלט, האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט יעדע נשמה וואס ער זאל זיין, אן עשיר אן עני, א חלש א גבור, און אזוי ווייטער, ווייל יעדער יוד האט אין זיך א נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, און אין וועלכן אות ער איז צוגעבינדען אין די תורה, דארטן געפונט זיך זיין חיות. אן עושר איז מן הסתם אנגעבינדן אין איינע פון די אותיות כסף וזהב אבנים טובים ומרגליות, וועגן דעם איז ער זוכה צו כסף וזהב. אן ארימאן איז מן הסתם צוגעבינדען צו דעם פסוק ואם לא תמצא ידו די שה, א פסוק וואס רעדט פון ארימקייט, און אזוי ווייטער יעדע מדה וואס ער האט. איז זיין לעבן א לעבן פון שמחה, איז ער צוגעבינדען צו אן אות פון די תורה וואס האט צו טון מיט שמחה. האט ער א לעבן פון צער, איז ער צוגעבינדען צו אן אות וואס אין די תורה רעדט מען פון צער. אבער סוף כל סוף, דער מהות פון א יוד איז, זיין קשר צו די תורה.

**א** ספר תורה איז נישט א געשריבענע ספר תורה, נאר עס ווייזט אויף כלל ישראל וואס איז פארבינדען מיטן ספר תורה. יעדע נשמה פון א יוד איז צוגעבינדען צו א ספר תורה. אז עס איז דא ח"ו א ירידה ביי א יוד, איז דא א ירידה אין זיין אות אין די תורה, ער איז פוגם אין די ספר תורה. און פארקערט אויך, אז עס איז דא א נפילה ביי א ספר תורה, איז א סימן אז עס איז דא א נפילה ביי די נשמות וואס האבן א קשר צו די אותיות וואס עס איז דא אין די תורה. דאס איז דער ענין וואס ווען עס פאסירט עפעס מיט א ספר תורה, דארף א יוד מאכן א חשבון הנפש. יעדן ערב יום הקדוש, א צייט וואס א יוד טוט תשובה, די עכסטע זמן, נעמט מען ארויס די ספר תורה, און מען קושט די ספר תורה. עס שטייט אין הייליגע ספרים דער טעם, ווייל ער האט פוגם געווען אין די ספר תורה. יעדער יוד ווען ער זינדיגט, איז ער פוגם אין זיין אות אין די תורה, און ווען ער פירט זיך אויף ערליך, לייכט זיין אות אין די תורה. עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, ווען מען הייבט אויף די ספר תורה ביי קריאת התורה, זאל מען אריינקוקן אין די אותיות פון די תורה, ווייל ווען א מענטש איז זוכה דעמאלטס צו טרעפן זיין אות ווי ער איז מקושר אין די תורה, באקומט ער א געוואלדיגע הארה אין די תורה. עס איז א געוואלדיגע ענין אדורכצוגיין א ספר תורה אינעווייניג, אנצוטרעפן זיין אות ווי ער איז צוגעבינדן אין די תורה. טאמער אבער איז דא א נפילה ביי א יוד אין זיין מצב, דאס איז א נפילה וואס עס קלאפט אויס אין די תורה.

**אז** מען זעהט אז עס איז 'נפלה עטרת ראשינו', אז די קרוין פון אונזער קאפ, דאס איז דאך א ספר תורה, אז דאס איז געפאלען, דאס זאגט 'אוי נא לנו כי חטאנו', דאס זאגט, ווי איז פאר אונז, מיר האבן געזינדיגט. יעדער איינער לפי ערכו, דארף ביי זיך זוכן, צו ער האט עפעס א נגיעה דערצו. און דער אייבערשטער מאכט נישט, אז וועגן איינעם זאל א גאנצער ציבור האבן א פראבלעם, יעדער איינער דארף וויסן, צו ער האט עפעס מתקן צו זיין, וואס עס רירט צו, צו דעם ספר תורה.

*

**יעדער** אות אין א ספר תורה איז מוקף גויל. עס טאר נישט צורירן איין אות צום צווייטן, עס דארף זיין ארומגענומען מיט פארמעט פון אלע זייטן. טאמער רירט צו איין אות צום צווייטן

אות, איז עס א פסולע ספר תורה. יעדער יוד איז דאך א אות פונעם ספר תורה, יעדער יוד אין די תורה דארף זיין מוקף גויל, ער דארף זיין ארומגעגנומען מיט א היקף. עס שטייט אין די הייליגע ספרים, שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך (דברים טז-יח), יעדער יוד האט שערים איבער זיך, די אויגן זענען שערים צו דעם מענטש, אז ער זאל קענען אויפכאפן זאכן וואס עס איז דא אויף די וועלט. ווען ער דארף עפעס הערן, קומט עס דורך די אויערן. ווען מען דארף רעדן, קומט עס מיט די מויל. דאס איז די שערים פונעם מענטש. יעדער יוד פאר ער באנוצט זיך מיט איינע פון די דריי זאכן, מיט איינע פון זיינע שערים, זעהן עפעס, רעדן עפעס, הערן עפעס, און טראכטן עפעס, און אזוי ווייטער, דארף ער וויסן, 'שופטים', ער דארף האבן א שופט איבער זיך. ער דארף זיך אליין משפט'ן, איבערטראכטן, מעג ער טון די זאך צו נישט. אזוי ווי פון א שופט פרעג מען א שאלה, צו די זאך איז מותר צו עס איז אסור, צו חייב צו פטור, אזוי דארף א מענטש געבן פאר זיך א שופט, איבערטראכטן ביי יעדע זאך, איך גיי יעצט רעדן, מעג איך די זאך רעדן, צו טאר איך עס נישט רעדן. איך גיי זעהן עפעס, מעג איך די זאך זעהן, צו טאר איך עס נישט זעהן. דאס איז דער שופט.

**נאכדעם** איז דא שוטרים, א שוטר איז טאמער דער שופט האט געפסק'נט עפעס, און מען וויל נישט פאלגן, קומען די שוטרים, און מכין אותו עד שתצא נפשו, מען דארף פאלגן וואס די תורה האט געזאגט. א יוד דארף זיין פאר זיך א שופט מיט א שוטר, נאכדעם וואס דו האסט אפגעפסק'נט, אז די זאך דארף נישט זיין, דארפסטו זיין אויף דיר א שוטר, דארפסט זיין דיין אייגענער פאליסמאן, מען דארף נישט רופן קיין פרעמדן, דו ברויכסט צו וויסן וואס דו האסט צו טון. דו ביסט א ערוואקסענער מענטש, דו ביסט מחויב במצוות, דו דארפסט טון וואס דו האסט צו טון. 'שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך', א יוד דארף זיין א שופט אויף זיך, און א שוטר אויף זיך. דו האסט געטון אן עולה, קנס'ע דיך אליין, זיי אויף דיר מקבל, וואס דו גייסט טון מארגן מתקן צו זיין דאס וואס דו האסט היינט פארפעלט. שופטים ושוטרים תתן 'לך', געב עס פאר דיר אריין, בכל 'שעריך', אין דיינע שערים זאלסטו געבן א שופט ושוטר.

**אזוי** ווי יעדער יוד איז א אות אין די ספר תורה, האט אונז דער אייבערשטער געוויזן אז דער אות פון דעם ספר תורה דארף זיין מיט א היקף, עס דארף זיין ארומגענומען. דו קענסט נישט גיין וואו דו ווילסט, דו קענסט זיך נישט רירן וואו דו ווילסט, דו קענסט נישט טון וואס דו ווילסט. יעדער יוד אויף די וועלט, איז אין די וועלט פונעם אייבערשטן, און ער דארף זיין ארומגענומען מיט גדרים פון אלע זייטן. אויב זיין גדר איז ערגעץ אדורכגעבראכן, ער איז נישט מוקף גויל, ער רירט אן א צווייטן אות, האט ער א פסול אינעם ספר תורה.

**גוי"ל** איז בגימטריא ניין און פערציג. עס שטייט אין חז"ל אז עס איז דא מ"ט פנים לתורה, מ"ט שערי בינה. ווען א יוד איז באמת מוקף גויל, ער איז ארומגענומען מיט א היקף פון אלע זייטן, איז ער זוכה צו מ"ט פנים לתורה, ער איז זוכה צו מ"ט שערי בינה, ער איז מוקף גויל, ער איז ארומגענומען מיט תורה הק'.

*

**עס** שטייט אין **תפארת שלמה** (פ' שמות ד"ה ואת המטה, ובמאמרים לשבועות), אז די זעלבע איז אין גשמיות. א יוד טאר קיינמאל נישט צורירן צום חבר'ס זאך, יענעמס געלט דארף זיין ביי דיר הייליג אזוי ווי קדשים, ריר נישט צו, צו יענעמס פרוטה, אויפהייבן א האנט אויפן חבר, רעדן אויף א חבר. א יוד דארף זיין אפגעזונדערט איינער פונעם צווייטן, נישט צורירן צו א צווייטן. וועגן דעם איז יעדער אות פון א ספר תורה מוקף גויל, עס זאל נישט האבן קיין צוגעבינדנקייט, טשעפע נישט קיין צווייטן, ריר נישט צו צום חבר. טאמער דו רירסט צו, צו דעם חבר, איז דא א פסול אין דיין אות פון דעם ספר תורה. דער מוקף גויל וויזט, אז סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות דארף א יוד זיין ארומגענומען מיט א

היקף פון אלע זייטן. און טאמער דאס פעלט, איז די ספר תורה פסול. - און אז מען זעהט אז עס איז נפלה עטרת ראשינו, אז עס איז געפאלן דער עטרת ראשינו, דאס זאגט אוי נא לנו כי חטאנו. מען דארף זוכן ביי זיך יעדער איינער וואס ער דארף מתקן צו זיין.

**מען** האט פריער גערעדט, די נסיונות היינט זענען זייער גרויס. א מענטש האט א תאוה, א נייגעריגקייט אלעס צו וויסן, אלעס צו קענען, אלעס זעהן. מען קען אבער נישט! די תורה לאזט נישט! די תורה גיט נישט קיין רשות א מענטש זאל טון וואס ער וויל. אסאך מאל איז ער ברוגז, פארוואס קען איך נישט? פארוואס האט מיך דער אייבערשטער באצוימט? און איך וועל עס מסביר זיין. **זאג נישט אז דער אייבערשטער האט דיך געצוימט, דאנק דעם אייבערשטן אויף וואס ער האט דיר יא געגעבן.** וויפיל מענטשן זענען דא וואס זיי קענען נישט זעהן. און וויפיל וואלטן זיך געפריידט, ווען דער אייבערשטער וואלט זיי געשיקט א דאקטער זאל זיי אויסהיילען אז זיי זאלן קענען זעהן, אפילו דער דאקטער וואלט זיך אויסגעגעונומען, אז נישט אלעס וועסטו מעגן זעהן מיט דיין אויג, וואלסטו מסכים געווען? אוודאי יא, אבי איך זאל קענען זעהן. - ווען איינער קען נישט הערן, און מען זאל אים זאגן, מען וועט דיר אויסהיילן, דו וועסט קענען הערן, אבער דו טארסט נישט אלעס הערן. וועט ער זאגען, הייל מיך אויס, אפילו איך וועל נישט קענען אלעס הערן. - מען מאכט יעדן טאג א ברכה פוקח עורים, דו דאנקסט דעם אייבערשטן, די גאנצע נאכט האסטו נישט געקענט זעהן, און דו האסט געקענט אויפשטיין בלינד, און דער אייבערשטער האט דיר צוריקגעגעבן די אויגן, דארפסטו דאנקען דעם אייבערשטן, און טון וואס דער אייבערשטער האט דיר מצוה געווען, דו האסט נישט קיין רעכט צו טון עפעס אנדערש. זיי נישט ברוגז אויף דעם וואס עס פעלט דיר, דאנק דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט דיר יא געגעבן. וויפיל מענטשן זענען דא, וואס קענען נישט טון וואס דו קענסט טון, אויף דעם דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן, וואס דער באשעפער האט יא געגעבן פאר א מענטש.

**ווען איינער גייט אריין צו יענעם אין שטוב אלץ א גאסט, עס איז ביי אים פארשטענדליך אז ער קען זיך נישט דרייען אין יענעמס הויז, און טון וואס ער וויל. נאר אין דעם שטוב וואו מען האט אים געגעבן א רעכט צו שלאפן, קען ער שלאפן. וואס מען האט אים צוגעגרייט צום טיש צו עסן, דאס וועט ער קענען עסן. און ער האט נישט קיין טענות, פארוואס קען איך נישט אריינגיין אין אלע שטובער. אריינגיין אין אלע שטובער? וואס פאר א רעכט האסטו אריינצוקומען ביי מיר אין אלע שטובער. נאר וואו איך האב דיר געבן רשות, קענסטו גיין. ער האט נישט קיין רעכט צו גיין צו יענעמס פרידזשידער און ארויסנעמען וואס ער וויל, צו גיין צו יענעמס לעדלעך און טאפן די זאכן וואס ער וויל. ער פארשטייט, איך בין ביי יענעם אין הויז, ביי יענעם אין שטוב, איך קען נישט טון דארטן וואס איך וויל. און אז דער בעל הבית כאפט אים אז ער איז יא געגאנגען, און ער באברעט אין זיינע זאכן, זאגט ער אים, נעם דיר די פעקלעך, און גיי ארויס פון דא. קיין איין טאג וועט ער אים נישט האלטן ווייטער.**

**מיר** פילען זיך, אז מיר זענען אין אונזער שטוב, מיר זענען אין אונזער וועלט, און מיר האבן א רעכט דא צו טון וואס מיר ווילן, ווער שטערט אונז? **עס איז דא א בעל הבית אויף דער וועלט! דער רבונו של עולם!** מיר געפינען זיך ביי יענעם אין הויז, מיר זענען בעולמו של הקב"ה, עס איז זיין וועלט. **און דער אייבערשטער לאזט זיך ארומדרייען אין זיין וועלט, אבער מיט געוויסע גדרים וסייגים!** ער גיט דיר נישט איין שטוב, ער גיט דיר הונדערטער שטובער ווי דו קענסט גיין, אבער עס איז דא געוויסע שטובער וואס ער האט פארשפארט, וואס דארט וויל ער נישט דו זאלסט אריינגיין, צו דו זאלסט עס זעהן. **פארוואס אהרט דיך אז ער לאזט דיר נישט אריינקומען איבעראל, פארוואס דאנקסטו נישט גענוג דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער גיט דיר געזונט און לעבן, און דו קענסט גיין וואו דו קענסט יא גיין.** דער היקף וואס א יוד דארף האבן, דאס ארומגענומענקייט, דארף אים נישט אהרן. ער דארף וויסן ווען איך קען נישט גיין ערגעץ, אז עס איז דא א בעל הבית אויף די

וועלט, און איך בין צוגעבינדן צו טון וואס דער אייבערשטער הייסט מיך.

**עס** איז יעצט די דריי וואכן וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן בית המקדש. די גמרא (יומא ט:) זאגט, אז בבית שני איז געווען תורה און עבודה און גמילות חסדים, אבער איין זאך האט געפעלט, עס איז געווען שנאת חנם, מען האט זיך פיינט געהאט איינער דעם צווייטן, עס איז נישט געווען קיין ליבשאפט צווישן איין יוד מיטן צווייטן יוד, און דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן בית המקדש. און אז דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן, שטייט אין הייליגע ספרים, אז מען וויל זוכה זיין צום בנין בית המקדש דארף מען מתקן זיין וואס עס האט געברענגט דעם חורבן. ווייל מען קען דאך נישט ווארטן אז דער אייבערשטער זאל אויפבויען א בית המקדש, ווען ער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש וואס עס איז שוין געווען, וועגן א געוויסע סיבה, און די סיבה האלט נאך ווייטער אן. מען דארף ליב האבן דעם חבר, א טובה טון פארן צווייטן, נישט מקנא זיין קיין אנדערן, נישט רעדן קיין שלעכטס איינער אויפן צווייטן, וואס מען קען טון גובר זיין אין אהבת חברים, צו צוברענגען ליבשאפט צווישן איינעם און אנדערן. וואס מען קען טון א חסד פארן צווייטן, האלטן עס פאר א חשיבות. די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, עס קומט אמאל א דיבור וואס מען דארף רעדן, און עס איז בגנותו של חבירו, מגנה זיין דעם חבר, וויפיל איסורים איז דא, מען קוקט אריין אין **חפץ חיים**, וויפיל לאווין עס איז דא אין די תורה אויף א דיבור וואס מען רעדט שלעכטס אויף יענעם. וואו איז דער ואהבת לרעך כמוך, אויף דיר וואלסטו נישט געוואלט אז מען זאל רעדן שלעכטס, און דו רעדסט אויפן חבר? אזוי דארף צו זיין די טעג וואס מען טוט מקונן זיין אויפן חורבן בית המקדש, מען דארף זיך מער צולייגן זיך מתגבר זיין אויף דעם ענין פון אהבת חברים, ליב האבן איינער דעם אנדערן, און זוכן צו טון א חסד איינער פארן צווייטן.

**די** וועלט זאגט נאך, איך מיין פון **רבי איציקל ווארקער זי"ע**, אז עס איז אמאל געווען וואס די חסידים האבן זיך געשטופט איינער אויפן צווייטן, האט ער זיך אנגערופן: **'א יוד איז א ספר תורה, און אויף א ספר תורה לייגט מען זיך נישט ארויף'**. א חסיד איז געווען דארטן, האט ער אזוי אינזינען געהאט, אמת, מען טאר נישט ארויפלייגן קיין שום זאך אויף א ספר תורה, אבער איין ספר תורה אויף א צווייטע ספר תורה מעג מען דאך ארויפלייגן. יעדער איז דאך א ספר תורה, האט מען ארויפגעלייגט איין ספר תורה אויף א צווייטע ספר תורה. האט ער מרגיש געווען וואס דער יוד האט געטראכט, און ער האט געזאגט, אמת, איין ספר תורה אויף א צווייטן ספר תורה מעג מען ארויפלייגן, אבער **א יוד דארף טראכטן, דער חבר איז א ספר תורה, אבער איך בין אפשר נישט קיין ספר תורה**. אזוי דארפסטו טראכטן, דיין חבר דארפסטו מחשיב זיין כאילו ער איז א ספר תורה, אבער ווארט נישט צוריק אז ער דארף דיך אויך מכבד זיין די זעלבע, און אויב ער האט דיר אמאל באליידיגט האסטו צו יענעם טענות וכדומה. ער איז א ספר תורה, דאס מיינט נאך נישט אז דו ביסט אויך א ספר תורה. דאס איז די מידות וואס מען דארף עוסק זיין אין די טעג. לימוד חפץ חיים אפילו נאר א פאר מינוט, מען זאל כאטש געדענקען דעם געוואלדיגן איסור צו רעדן שלעכטס איינער אויפן צווייטן, און זיך מער מתגבר זיין צוצוקומען צו אהבת חברים איינער מיטן צווייטן.

**ווי** איך האב פריער געזאגט, איך בין נישט געקומען זאגן קיין מוסר, נאר פשוט מחזק זיין, איך רעד דאך צו צאן קדשים, בחורים וואס זיצן און לערנען, מען לערנט פלייסיג און מען שטייגט אין תורה. די וועלט זאגט, אויף א זיידענעם בגד דערקענט זיך א פלעק. אויף א פשוטע בגד טאמער גיסט זיך עפעס אויס, וועט מען עס נישט דערקענען, אבער אויב עס וועט זיך עפעס אויסגיסן אויף א בגד, ווי שענער דער בגד איז, אפילו א קליין פלעקעלע וועט ארויפקומען אויף זיין הוט וועט זיך עס דערקענען. ווייל מיר זענען אזוי חשוב, פאדערט מען פון אונז מער ווי מען פאדערט פון א צווייטן. עטץ זענטס די וואס זענען מקיים די וועלט, עטץ געפונטס זיך באהלי של תורה, אין

ענקער זכות איז דא א קיום פאר די וועלט. אויב מיר וועלן זיך מתגבר זיין, אויב מיר וועלן זיך פירן ערליך, און מיר וועלן זיך פירן שיין, זענען מיר מעלה די גאנצע וועלט, פאדערט מען פון אונז מער פון א צווייטן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען אויספירן אונזער שליחות, גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, יעדער איינער פון אונז וויל וואקסן, ער וויל שטייגן, און ער וויל זיין ערליך, עס איז נאר שאור שבעיסה מיט שעבוד מלכות וואס טוען צוריקהאלטן דערפון. בעטן מיר פונעם אייבערשטן, אז דער באשעפער זאל אונז געבן די מעגליכקייט, אז מיר זאלן קענען אויספירן אונזער שאיפות. **עס איז נישט דא קיין שענערע פלאץ ווי א בחור קען אויספירן זיינע שאיפות פון ווען מען געפונט זיך אין קעמפ. עס איז נישט דא נאך אזא גוטער מקום ווי מען קען מקיים זיין דעם הבא לטהר מסייעין אותו, ווי די וואכן וואס מען געפינט זיך דא.** די פארטאגס'ן וואס מען קען אויפשטיין, און די לאנגע נעכט, און דעם גאנצן טאג, וואס עס איז דא צו לערנען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז חפץ ה' בידכם יצליח. עטץ זאלטס קענען ווייטער מקבל תורה זיין, און שטייגן אין תורה. ב"ה אזא חשוב'ער ראש ישיבה, חשובע מגידי שיעורים, וואס יעדער איינער פאר זיך איז א מוסטער פאר א בחור ווי אזוי מען דארף אויסצוואקסן, און ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, זאל מען עס קענען אויסנוצן. און מיר זאלן זוכה זיין, דער באשעפער זאל העלפן, אז די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה פאר גאנץ כלל ישראל, און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

לפני תפלת ערבית מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', לתלמידי הישיבה גדולה.

*מתוך השיעור:*

**...קומט** אויס אז משה רבינו האט געזאגט פאר די בני ראובן ובני גד צוויי זאכען. איינס די עצם דבר אז עטץ ווילטס בלייבען דא איז נישט קיין אויסגעהאלטענע זאך, האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה. און נאכדעם האט משה רבינו געזאגט, אפילו אויב אין די עצם דבר אליין זענט עטץ אויסגעהאלטן, אבער עטץ דארפסט מאכען א חשבון וואס די פעולה וועט גורם זיין אויף אנדערע. עטץ וועטס מיט דעם מונע זיין, אז יודען וועלן מורא האבן ארייןצוגיין קיין ארץ ישראל. - און די טענה פון ולמה תניאון את לב בני ישראל, דאס האט ער מאריך געווען אין אכט פסוקים. די ערשטע טענה אליין, די עצם דבר, האט ער געזאגט מיט איין ווארט, האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה. אבער ווען ער האט געוואלט ארויסברענגען אז עטץ דארפסט ענק רעכענען וואס עס וועט ווירקען אויף יודען אז מען וועט נישט וועלן אריינגיין קיין ארץ ישראל, האט ער געזאגט פון פסוק ז' ביז פסוק ט"ז, ניין פסוקים. ער האט ארויסגעברענגט אז עטץ זענטס מונע יודען, און ענקערע עלטערן, די מרגלים, האבן אזוי געטון, און עס איז געשעהן די חרון אף ה', און צום סוף איז קיינער נישט אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, מען איז געבליבן אינעם מדבר. און עטץ זענטס א תרבות אנשים חטאים, און עטץ טוטס די זעלבע.

**איך טראכט אסאך מאל, א בחור איז אין ישיבה, און מען שטייט אים אויפן קאפ, ער זאל אויפשטיין, און דאווענען ווי א מענטש, און עסן ווי א מענטש, זיך פירן ערליך. אין א יאר צוויי ארום האט ער חתונה אי"ה, און ער גייט ארויס פון ישיבה, קיינער שטייט אים נישט אויפן קאפ, ער גייט טון אלעס וואס ער וויל, גוטס און שלעכטס. און ווייל ער איז אין ישיבה, וועגן דעם דארף מען אים שטיין אויפן קאפ?** אויב ער איז א באזעצטער מענטש, וואס אין א יאר ארום קען ער חתונה האבן, און ער שטייט שוין אויף די אייגענע פוס. ער וועט קומען דאווענען באצייטענס, ווייל ער פארשטייט אז מען דארף קומען דאווענען באצייטענס, און ער וועט האבן א שיעור צו לערנען, ווייל ער פארשטייט אז מען דארף לערנען, פארוואס שטייט מען אויפן בחור? מיר זענען די פאליציי פון יעדן איינעם? פארוואס אלץ יונגערמאן דארף ער נישט א

פאליסמאן, נאר ווען ער איז ישיבה דארף ער א פאליסמאן אויף זיך?

**איך** מיין אז דער תירוץ איז, אז דער עיקר וואס מען שטייט אויף א בחור איז נישט ווייל מען איז זיין פאליסמאן, און מען וויל אים יעצט מחנך זיין. זיין שכל איז גענוג רייף, ער פארשטייט וואס ער דארף צו טון, אפילו איך וועל אים נישט זאגן. און ער ווייסט גאנץ גוט ווען ער טוט א עוולה, אז ער האט געטון א עוולה. ער ווייסט גאנץ גוט וואס מען דארף צו טון, ער דארף נישט האבן איינער וואס זאל שטיין אויף אים. **די סיבה פארוואס מען איז אזוי שטרענג, און מען שטייט מער אויף איינעם וואס טוט נישט וואס מען דארף, איז. ווייל אזוי ווי אין ישיבה איז דא א ציבור, און עס איז דא אסאך גוטע בחורים וואס ווילן זיין גוט, און זיי ווילן זיך פירן ווי עס דארף צו זיין, טאמער איינער פירט זיך נישט אויף, ער שטעלט זיך נישט צו מיט אלעם, קילט ער אפ די איבריגע.** די פראבלעם איז נישט דאס, אז ער איז נישט אויפגעשטאנען פארטאגס, אין א יאר ארום ווערסטו אויך נישט אויפשטיין פארטאגס, קיינער וועט נישט שטיין אויף דיר, און דיך אראפשלעפן פונעם בעט. אבער יעצט וואס עס איז דא א ציבור וואס וויל אויפשטיין, און מען זעהט אז איינער בלייבט שלאפן, קילט עס אפ ביים צווייטן, און דאס איז ער נישט בארעכטיגט צו טון.

**דאס** למה תניאון את לב בני ישראל, איז געווען א הארבערע תביעה, פון די עצם זאך אליין. אויף די עצם זאך אליין קען זיין אז די בני גד ובני ראובן וועלן האבן א תירוץ פארוואס זיי גייען נישט אריין קיין ארץ ישראל, נאר זיי ווילן בלייבען דא. אבער למה תניאון את לב בני ישראל, עטץ זענטס יחידים, און עס איז דא א גאנצער ציבור פון יודען וואס דארפן אריינגיין קיין ארץ ישראל, און זיי וועלן מורא האבן יעצט אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, זיי וועלן באקומען קאלטע פוס, ווייל עטץ גייטס נישט. דו קענסט האבן תירוצים פארוואס דו ביסט נישט געגאנגען, אבער דו ביסט נישט בארעכטיגט דאס צו טון. ווען א מענטש פארט אין א שיף, איז ער נישט בארעכטיגט צו זאגן, אז איך וועל טון ביי מיר וואס עס געפעלט מיר, און עס אינטערעסירט מיך נישט וואס עס טוט זיך מיט די אנדערע.

**די תביעה וואס מען האט, וואס מען שטייט אסאך מאל אויף א בחור אין ישיבה, איז נישט די עצם זאך אליין, מען וויל דיר מחנך זיין. נאר דו ברענגסט אראפ, דעם וואס וויל זיך גוט פירן, דו מאכסט זיי קאליע. און דאס ביסטו נישט בארעכטיגט.** - אין אנדערע ווערטער, מען וויל נישט שיצן דעם בחור אז ער זאל נישט עובר זיין יעצט אויף א עבירה, ווייל איך וועל אים נישט שיצען אין א יאר ארום אויך נישט. איך וויל אבער שיצן אז דו זאלסט נישט זיין א מחטיא את הרבים. מאך נישט קאליע פאר אנדערע, וואס טוען עס נישט. ווען א בחור וועט אריינטראכטן אין די נקודה, וועט ער זעהן ווי אמת דאס איז. אוודאי איז מען מחנך און מען זוכט די טובה פון דעם בחור אליין אויך, אבער אויף דעם וואלט מען זיך געקענט פארלאזן, אז אין א יאר ארום וועט מען אויך נישט שטיין אויף דיין קאפ, וואס איז היינט אנדערש. אבער אז מען איז אין א מסגרת פון בחורים וואס ווילן שטייגען, און איינער טוט אנדערש, און ער גייט ארויס פון די שורה, און ער טוט נישט וואס מען דארף צו טון, איז נישט אז דו האסט געטון פאר דיר, נאר דו האסט אפגעקילט א גאנצע ציבור פון יודען וואס ווילן זיין וואויל. און דאס ביסטו נישט בארעכטיגט צו טון.

**ער עסט אן א הוט און א רעקל, ער וועט אפשר נאך די חתונה אויך עסן אן א הוט און א רעקל, אבער דא אז דו עסט אן א הוט און רעקל, מאכסטו אז אנדערע זאל עס אויך נאכטון, און אז אנדערע וואס ווילן זיך יא אכט געבן דערויף, וועט ווערן אפגעקילט דערפון, ווייל דו האסט עס געטון, און דאס איז די עוולה. דו ביסט נישט בארעכטיגט צו טון א זאך, וואס קומט דיר אויס גוט אזוי, און דיר באדערט עס נישט, עס אינטערעסירט דיך נישט, אז מכח דעם זאלסטו קענען קאליע מאכען פאר א צווייטען.** - די תביעה פון משה רבינו פאר די בני גד ובני ראובן איז געווען, די עצם עוולה אליין, אז עטץ ווילטס נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, האט ער

געזאגט אין איין פסוק, אבער למה תניאון את לב בני ישראל, דאס האט ער מאריך געווען ארויסצוברענגען, אז עטץ זענטס תרבות אנשים חטאים, אז עטץ טוטס אזא זאך. און עטץ זענטס מחטיא את הרבים מיט דעם וואס עטץ גייטס נישט אריין קיין ארץ ישראל.

*

***שבת קודש פרשת מטות - מסעי***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי צבי הירש מזידיטשוב זי"ע** (מתוך הספר אמת ויציב). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא בב"פ.

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**עס** איז דא א ספר וואס הייסט **שמועות אמת**, צוזאמגענומען מעשיות וואס דער **בארנוב'ער רב** האט פארציילט. דער **בארנוב'ער רב** איז געווען א אייניקל פונעם **ראפשיצער רב**. **רבי נפתלי פון ראפשיץ** האט געהאט א זון **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער**, **רבי אליעזר'ל** האט געהאט מערערע קינדער. ווער עס איז מפורסם, איז זיין זון דער **אמרי נועם**. דער **אהבת ישראל** איז געווען א איידעם ביים **אמרי נועם**. און נאכדעם האט **רבי אליעזר'ל** געהאט א זון וואס האט געהייסען **רבי ישראל**, ער איז געווען **בארנוב'ער רב**. און דער **רבי ישראל** האט געהאט א זון וואס איז אויך געווען **בארנוב'ער רב** שפעטער, און ער האט געהייסען **רבי אברהם שמחה**. דער **רבי אברהם שמחה** האט סוף ימיו געוואוינט אין ירושלים, און ער האט געהאט אסאך תלמידים דארט, **רבי אשר זעליג מרגליות** איז געווען איינע פון זיינע תלמידים, און פון אים איז געבליבן אסאך סיפורים וואס ער האט פארציילט, וואס ער האט געהערט פון זיינע אבות.

*

סיפר **הרב מבארנוב**, ששמע מזקינו **רבי אליעזר מדזיקוב**, שאחר פטירת **רבינו החוזה מלובלין** התוועדו התלמידים הגדולים מהחברייא, וזקינו **הרב מראפשיץ** היה הולך ובכה בלי הרף יותר מכולם. ואמר לו **רבינו צבי הירש מזידיטשוב**, **ראפשיצער רב** וואס וועט אייך דען פעלן ביי אונז. ועמד **הרבי מזידיטשוב** במעמד כל החברייא, והתחיל לספר לפניהם, לערך שני שעות, ממעלותיו ומדריגותיו והשגותיו וכו'. ואחר כך נסע **הרב מראפשיץ** לאפטא, ושם שמעו מההתפארות שהתפאר עצמו **הרבי מזידיטשוב** לפני החברייא בלובלין, ושאל אותו **הרבי מאפטא** על זה, אם זה נכון. וענה לו **הרב מראפשיץ**, שמעולם לא ראה שפלות רוח גדול כל כך, כמו שראה אז **הרבי מזידיטשוב** בעת שסיפר ומנה מדריגותיו בשתי שעות אלו לפני החברייא. ועוד אמר, ששמע ממנו אז תפלת מנחה, אשר מימי **הרבי ר' אלימלך** לא שמע שמונה עשרה כזאת. ונח דעתו של **הסבא קדישא מאפטא**.

**והוסיף רבינו**: איך מיין אז עס איז דא זייער אסאך נקודות וואס מען קען ארויסנעמען פון די מעשה. איינס, איך מיין אז ווען א מענטש זאל וועלן אויסרעכענען זיינע מדריגות, וואלט ער פערטיג געווארן אין צען מינוט. ער וועט נישט האבן צו דערציילן פון זיינע מדריגות פאר צוויי שעה. ביז אפאר מינוט וועט ער פארטיג זיין. און עס וועט ניטאמאל זיין אמת וואס ער זאגט... - און ער האט געקענט פארציילן צוויי שעה פון זיך, צו וואס פארא מדריגות ער איז צוגעקומען.

**צווייטענס**, מען זעהט אז ער האט פארציילט פון זיינע מדריגות, אפילו ער איז געווען א אמת'דיגער ענוותן. ער האט דאך געזאגט זיין שפלות רוח וואס מען האט געזעהן פון זיינע ווערטער. א גדול בישראל, א מנהיג ביי יודען, ווייסט זיינע מדריגות, ער נארט זיך נישט, ווייל עניוות איז נישט טייטש אז ער נארט זיך, ער מיינט אז ער איז גארנישט. א צדיק ווייסט זיינע מדריגות, ער ווייסט זיינע מעלות, און מיט דעם אלעם איז ער ביי זיך א שפל רוח. משה רבינו איז געווען עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), ער האט געוואוסט זיינע מעלות און זיינע מדריגות, אז לא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י), און ער האט געוואוסט אז קיינער איז נישט געווען אין הימל

נאר ער. דער אייבערשטער רעדט צו אים פנים אל פנים, וואס קיין שום נביא האט נישט זוכה געווען צו דעם. ער האט נישט געלייקנט זיינע מעלות, נאר ער איז געווען א ענוותן ושפל רוח, עס האט נישט צוטון מיט אים. מען קען זיין א בעל מעלה, אבער דאס מיינט נישט אז ער האט זיך מיט וואס צו שטאלצירן. אקעגן דעם אייבערשטען איז ער גארנישט. עס איז אלעס א מתנה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, און עס איז נישט שייך אז ער זאל מיט דעם זיך מתנשא זיין.

**וועו** איינער איז א עושר, קען ער זיך אמאל שטאלץ האלטן מיט דאס געלט וואס ער האט. ווען דער עושר נעמט דאס געלט, און ער גיט עס איבער פארן חבר, אז דער חבר זאל עס האלטן, און דער חבר וועט זיך גרויס האלטן, איך האב א בייטל מיט געלט. עס איז נישט דא וואס ער זאל זיך גרויס האלטן. עס איז דיינס?! אין פינף מינוט ארום וועט מען עס צוריק נעמען, און דו וועסט עס נישט האבן. אלע מדריגות וואס א מענטש איז צוגעקומען, אויב ער ווייסט אז עס איז גארנישט פון אים, און אלעס האט ער באקומען פונעם אייבערשטען, האט ער נישט מיט וואס ער זאל זיך גרויסהאלטן. דער **הייליגער רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** האט געוואוסט זיינע מעלות און מדריגות, ער האט געקענט צוויי שעה אויסרעכענען אלע זיינע מדריגות וואס ער האט, אבער עס האט נישט געשטערט זיין שפלות רוח וואס ער האט געהאט.

**נאכדעם** זעהט מען, אז גיאות מיט ענוה האט נישט צוטון מיט רעדן. א מענטש קען אמאל רעדן פון זיינע מדריגות, און פון דעסטוועגן דאך זאל עס זיין מיט א געוואלדיגען שפלות רוח, מיט זיינע מדריגות וואס ער פארציילט פון זיך. און עס קען אמאל זיין א מענטש רעדט פון שפלות רוח, און ער איז מלא גאוה. ווייל גיאות מיט ענוה האט צוטון מיטן הארץ, עס האט נישט צוטון מיט וואס מען רעדט. בדרך כלל ביי מענטשען קומט עס צוזאמען, פון וואס ער האלט אין הארץ, פון דעם רעדט ער. אבער מען רעדט אין אמת'דיגע מדריגות פון א צדיק, איז עס נישט פארבינדען איינס מיטן אנדערן.

**און** מען זעהט, אז **רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** האט פארציילט זיינע מדריגות, און ער האט געוואלט צוציען דעם **ראפשיצער רב** אז ער זאל קומען צו אים. ער האט געוואלט מנהיג זיין יודען. כאטש ער איז געווען א שפל רוח, פון דעסטוועגן דאך, פאר א מנהיג ישראל גיט דער אייבערשטער עקסטערע כוחות אין זכות פונעם רבים. פאר משה רבינו האט דער אייבערשטער געזאגט, כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל (רש"י ויקרא א-א), **רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** האט געוואלט זוכה זיין צו האבן אזעלכע חסידים ווי דער **ראפשיצער רב**, ווייל דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו נאך העכערע מדריגות, האט ער זיך משתדל געווען אז מען זאל קומען זיין ביי אים.

**למעשה** זעהט מען, אז פון הימל האט מען געפירט ווי אזוי מען פירט, אז **רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** האט נישט איבערגענומען דעם פלאץ פונעם **רבי פון לובלין**, מיט די מדריגות וואס ער האט פארציילט אויף זיך.

*

שמעתי מפי **הרב מבארנוב זצ"ל**, ששמע מפה קדוש זקינו **רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע**, שפעם אחת נודע לאביו **הרב מראפשיץ זי"ע** אשר חבירו אוהבו הנאמן ידיד נפשו **מהרצ"ה מזידיטשוב** חלה מאד, ויסע אליו לבקרו. בחצי הלילה הגיע לזידיטשוב, ואף שהיה עיף מהדרך, וקר לו מאד מהקור והשלג, בכל זאת לא נח באכסניא, רק הניח שם החפצים, והלך לביתו נאוה קודש של רבינו, לקבל פני קדשו.

כאשר בא לבית רבינו, מצא דלת הפרוזדור פתוחה, והמשמש נרדם על השלחן, ולא רצה לעוררו, וראה כי גם הדלת של הרבי פתוחה, ויגש וראה כי הרבי מזידיטשוב אינו בחדרו. וחשב שימתין מעט בפרוזדור כי בודאי יצא החוצה ותיכף ישוב לחדרו. ביני לביני התעורר המשמש, וראה **שהרב מראפשיץ** יושב שם, ונבהל מאד. ושאל **הרב מראפשיץ** איפה נמצא כעת הרבי. ואמר לו, הנה הוא בחדרו על

משכבו, וצריך רפואה גדולה. ואמר לו **הרב מראפשיץ**, הנה זה איזה רגעים אני כאן, ולא רציתי לעורכך, וגשתי אל החדר, והרבי איננו שם, והנני יושב ומחכה כאן שיחזור הרבי.

כשמוע המשמש זאת, וירץ החוצה ויחפשהו בכל החצר ולא מצא אותו, ואמר **להרב מראפשיץ**, הנה הרבי חולה זה איזו שבועות, ועל פי פקודת הרופא אסור לו לצאת החוצה, ומתפללים כאן בחדרו בוקר וערב, וכל שכן שאסור לו לטבול בנהר תחת הקרח כדרכו, ואני שכיר לילה מיוחד על זה לשמור את הרבי כל הלילות, והנה זה הלילה הראשונה שהנני כאן, וכנראה שהרבי הפיל עלי שינה, והוא בוודאי יצא בחצי הלילה לטבול בנהר הקפוא תחת הקרח הנורא, וילמוד שם עד אור הבוקר כדרכו בקודש, ואני מפחד לילך להנהר כי מי יקימנו וישיבנו, ויירא אני לנפשי שלא אבלבל אותו מעבודתו הקדושה, וכל האחריות הוא עלי לשומרו בלילה. ועתה משמים נסבה, שבאתם לבקר את רבינו, ומבקש אני שילך אל הנהר, ובוודאי מפני האהבה הגדולה, ולכבוד האורח הגדול, ישמע הרבי אליו ויבא לביתו.

**הרב מראפשיץ** הסכים לבקשתו, והלכו יחד להנהר, והנהר היה קפוא מאד, ובבואם לקצה הראשונה של הנהר ראו **שהרבי מזידיטשוב** עומד בתוך הנהר בקצה השנית, וקורא ולומד בקול מרעיש מאד, בנגינותיו ותנועותיו הקדושות, ויגש אליו **הרב מראפשיץ** וראה **שהרבי מזידיטשוב** קורא בספר תהלים ולומד בתיקוני זוהר, ברעש גדול ובהתלהבות נורא.

כשראה **הרבי מזידיטשוב שהרב מראפשיץ** עומד עליו על יד הנהר, שמח מאד, ופשט והוציא ידו מתוך הנהר, ונתן לו שלום, ואמר לו, ברוך הבא ידיד נפשי חמדת לבי **הרב מראפשיץ**, ושאל אותו מה לידידי שחרד ובא אלי עד כאן. ואמר לו הנה על עתה זה באתי, לבקש את כבודו שיצא מכפור הנהר וילך עמי הביתה, כי שמעתי את צו הרופא ופקודתו שלא יצא החוצה, וכל שכן שלא יעמוד במים קרים וקפואים, שמא יבואו המים עד הנפש ח"ו.

ואמר **הרבי מזידיטשוב, ראפשיצער רב** הנני מצטער על טרחתו הרבה והגדולה, עד שהגיע ובא לכאן משום זה, ולמה יאמר נא ידידי כדברים האלה, והרי אין כאן שום בית מיחוש של סכנה ח"ו, הלוא יושיט נא כבודו את ידו לתוך הנהר במקום שהנני עומד, ויראה שהמים חמים הם. ויתפלא **הרב מראפשיץ** על דבריו, ואמר בלבו איזול אחזי אי חם מיא, ויושט ידו לתוך הנהר הקפוא, והנה המים בנהרא חמימא ולא קרירא. והיתה זאת לפלא מאד, ויתפלא והשתומם מאד על זאת.

ואמר **הרבי מזידיטשוב**, הנה חשבנו לשהות עוד פה, כי לא גמרנו עוד את שיעורנו, אבל מעולם לא עברנו על דעת חבירינו, וכל שכן על דעת חבירינו הגדול והנכבד ויקר לנו מאד, ואיקום ונצא לקראתו מהנהר, ולקבל פני השכינה בביתי. ויצא **הרבי מזידיטשוב** מהנהר הקפוא ומים חמים שבו, וילכו שניהם יחדיו הביתה.

**ואמר רבינו**: וואס זעהט מען פון די מעשה? אז עס איז דא א עבודה אין א קאלטע מקוה, און עס איז דא א עבודה אז מען קען אנווארעמען א מקוה. אינמיטן ווינטער אז מען זאל קענען אנווארעמען א מקוה, איז א געוואלדיגע מדריגה.

**נאר** וואס מען דארף יא פארשטיין אין די מעשה, עס איז דאך א אמת'דיגע מעשה, **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער** האט עס פארציילט. וואס איז דער ענין אז ער דארף לערנען דוקא אין די מקוה, ער קען דען נישט זאגן תהלים אינדערהיים? ער האט זיך שוין געטובל'ט, פארוואס דארף ער נאך זיצען אין די מקוה, און זאגן תהלים, און לערנען דארט תיקוני זוהר, ער קען דאך טון די אלע זאכן אויך אין שטוב. מילא אן א מקוה האט ער נישט געוואלט, אבער וואס איז געווען די עבודה צו זיין אין די מקוה אזויפיל צייט, און עוסק זיין דארט אין תהלים און זיינע לימודים.

**בפשטות** איז דער ענין דערפון, וואסער איז א מקום טהרה, אויף יעדע מקום אין די וועלט איז דא א טומאה, און כל שכן טומאת ארץ העמים. די איינציגסטע פלאץ וואס איז ריין, עס האט נישט קיין טומאה, איז וואסער. וואסער איז נישט מקבל קיין טומאה, וואסער איז א מקום טהרה. עס שטייט אין די גמרא (מו"ק כה.) אז אויף א צדיק אין חוץ לארץ, איז נישט שורה קיין

נבואה. מען קען נישט ווערן א נביא אין חוץ לארץ. און די גמרא פרעגט, אז מען זעהט אז יחזקאל הנביא האט געזאגט נביאות ווען ער איז געווען אין חוץ לארץ. זעהט מען אז אין חוץ לארץ איז אויך דא נביאות. ענטפערט די גמרא אז טאמער ער האט שוין אנגעהויבן צו זאגן נביאות ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל, קען ער שפעטער זאגען נביאות אין חוץ לארץ אויך. עס קען נישט חל זיין א רוח נבואה אין חוץ לארץ, אבער אויב עס האט שוין חל געווען אויף א נביא א רוח נבואה אין ארץ ישראל, קען ער זאגן נביאות אויך אין חוץ לארץ. א צווייטע תירוץ שטייט אין חז"ל (ילקוט שמעוני יחזקאל שלו), אז אזוי ווי יחזקאל האט געזאגט על נהר כבר, ער האט געזאגט זיין נביאותביים וואסער. וואסער איז א מקום טהרה, עס האט אין זיך די קדושה פון ארץ ישראל, אזוי ווי ארץ ישראל איז טהורה, איז די וואסער טהורה, און עס קען חל זיין דארט נביאות, אפילו די ערשטע מאל אויך.

**אזוי** ווי ער האט געוואלט מעורר רחמים זיין, מיט תהלים און לערנען תיקוני זוהר, העכערע ענינים פון תורה, און צו דעם דארף מען האבן טהרה. עס שטייט אין **מאור ושמש** (ריש פ' אמור), אז אויב מען לערנט קבלה, און עס פעלט טהרה, קען עס אראפפירן פונעם ריכטיגען וועג. נישט נאר אז מען פארדינט גארנישט, נאר עס קען קאליע מאכען. דער **מאור ושמש** שרייבט, אז כת ש"ץ איז יצא לתרבות רעה, ווייל זיי האבן געלערנט קבלה, אן דעם וואס זיי האבן זיך גע'טובל'ט פאר דעם, און זיך מטהר געווען. - דער **הייליגער רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** האט געוואלט לערנען בקדושה ובטהרה, פלעגט ער צו גיין אויפן טייך, און דארט פלעגט ער צו זאגען תהלים, ווייל עס איז דא דארט די טהרה פונעם טייך. עס איז אים אפילו כדאי געווען משנה צו זיין סדרי בראשית, אז די וואסער זאל זיין ווארעם, ער איז געווען נישט געזונט, אז ער זאל קענען זיין דארט.

**אבער** כדי מען זאל קענען אנווארעמען די וואסער, דארף מען אסאך קאלטע מקוה'ס גיין קודם. עס האט זיך נישט אנגעהויבן מיט א ווארימע מקוה, עס האט זיך אנגעהויבן וואס ער איז יארן געגאנגען אין קאלטע מקוואות. ווען עס איז געקומען א זמן פון פיקוח נפש וכדומה, האט ער נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט עס אנגעווארעמט, אבער נישט אזוי הייבט מען אן צו דינען דעם אייבערשטען מיט די ווארימע מקוה. ווען מען דינט דעם אייבערשטען קודם מיט א קאלטע מקוה, קען מען נאכדעם אנווארימען א מקוה.